


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת צו, י"א ניסן תשס"ז
גליון 3, מספר 21




# פרשת צו

### ימי המילואים

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט וועגן דעם אנהויב פון די "ימי המילואים", די טעג פון צוגרייטן זיך. דאס מיינט: נאך דעם ווי מ'איס פארטיק געווארן צו מאכן דעם משכן (די קרשים און יריעות) מיט אלע זיינע כלים האט משה רבינו אויפגעשטעלט דעם משכן און האט אין אים מקריב געווען קרבנות און מחנך געווען אהרן און זיינע קינדער, די כהנים, ווי מען דארף טאן די עבודה אין משכן.

דערפון האט מען א ליכטיקע הוראה - פון "תורה אור" -אויף אלע טעג פון יאר:

יעדער איד דארף וויסן, אז מיר געפינען זיך אין דעם סוף פון דער "נאכט" פון דלוצ און אלץ איז פארטיק און גרייט אז מ'זאל קענען אויפשטעלן דעם בית המקדש השלישי (וואס ווערט אנגערופען "משכן", ווי די חז"ל זאגן אז "מקדש איקרי משכן", דער מקדש ווערט אנגערופן "משכן").

די איינציקע זאך וואס איז געבליבן איז צו פארענדיקן די "קליינינקייטן" - אז יעדער קינד פון "צבאות השם", צוזאמען מיט אלע אידן, זאלן פארענדיקן די מלחמת היצר און מבטל זיין אלע "קליינינקע" זאכן פון די שלעכטע עצות פון דעם יצר הרע.

און דורך דעם וואס יעדער איינער פארענדיקט זיין עבודה פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות מיט שמחה, ווערט א סוף צו דער גאנצער זאך פון דלוצ און עס בלייבט אפון איר זיט קיינע "שיריים" ובמילא האט מען א גאולה אמיתית שאין אחריה גלות.

און אלע צוזאמען - איינגערעכנט די אלע קינדער אויף וועלכע מ'האט משפיע געווען צו ארייננשליכן זיך אין "צבאות השם" און פארענדיקן זייער חלק אין מלחמת היצר - גייען צו ארצנו הקדושה, און דארט גופא - צו ירושלים עיר הקודש און צום "הר השית", וואס דארטן איז אלץ גרייט פאר דעם בינין המשכן והמקדש, דעם בית המקדש השלישי, במהרה בימנו ממש.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - יו"ד אדר שני תשד"מ)*

טייערע קינדער שלוחים,

לייגט אראפ די בעלעם און שמאטעס: עס איז צייט צו פארברענגען! גלייך אין מיטן די ריייניקן און אלע הכנות לכבוד פסח, קומט פאר א ספעציעלע טאג: יא ניסן- די געבורט טאג פון רבי'ן נשיא דורנו.

וואס טוט מען אויפן געבורט טאג פון א נשיא? מען גייט אויף מבצעים, מען גיט מער צדקה, מען דאוונט מיט מער כונה, און מען נעמט אן א החלטה. נאך א זאך וואס מען דארף געדענקן יא ניסן איז צו לערנען די נייע קאפיטל תהילים פון רבי'ן- קאפיטל קו.

קאפיטל קו הויבט זיך אן מיט די ווערטער, "הללוקה הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו." דער אויבערשטער איז אזוי גוט צו אונז, און מיר האבן אזוי פיל אויף וואס דאנקן אים! דער אויבערשטער האט פאר אונז געגעבן א נשיא וואס באלייכט די וועלט!

ווייטער אין די קאפיטל רעדט זיך נאך מער אויף נסים פון דעם אויבערשטן. דער קאפיטל ענדיקט זיך, "ברוך ה' אלקי ישראל מן העולם ועד העולם ואמר על העם אמן הללוקה" דער אויבערשטער איז געבענטשט יעצט און אויף אייביק. עס זיינען פאראן מפרשים וואס טייטשן די ווארט "עד העולם" אז דאס רעדט זיך וועגן די צייט פון די גאולה שלימה. יעמאלט וועלן מיר, צוזאמען מיט די גאנצע וועלט, באמת דאנקן דעם אויבערשטן.

זאל עס שוין זיין, נאך איידער יא ניסן, און מיר וועלן אלע פארברענגען צוזאמען מיטן רבי'ן אין ירושלים!

-א. וועכטער




## יום הבהיר י"א ניסן



## יום הולדת פון רבי'ן נשיא דורנו

ווען משה רבינו איז געבארן געווארן שטייט אז מען האט געזען "כי טוב הוא," ער איז גוט. ווי אזוי האט מען געזען אז ער איז גוט גלייך ווי ער איז געבארן? זאגט רש"י אז די גאנצע שטוב איז אנגעפילט געווארן מיט ליכטיקייט, און דאס האט באוויזן אז א צדיק איז יעצט געבארן געווארן.

ווען דער רבי נשיא דורנו איז געבארן געווארן האט געשיינט א שטארקע ליכטיקייט אין וועלט און א ישועה פאר כלל ישראל.

"אין יאר תרס"ב איז געווען א גרויסע גזירה אנטקעגן אידן, און אין די טעג פאר פסח איז דער גזירה בטל געווארן" (שיחה פון דער פריערדיקע רבי פסח תרצ"ט).גלייך מיט דער רבי'ס געבורט האבן זיך אנגעהויבן די נסים און ישועות.

דער רבי איז געבארן געווארן אין שטאט ניקאלאיעוו און מען האט אים געגעבן א נאמען נאך זיין הייליקן עלטער זיידע דער רבי דער צמח צדק. נאך זיין געבורט, האט דער רבי רש"ב געשיקט זעקס טעלעגראמען צו הרה"ח ר' לוי יצחק מיט ברכות און מיט הוראות וויאזוי צו מחנך זיין דעם הייליקן קינד. גלייך האט מען געזעהן אז דאס רעדט זיך וועגן גאר א גרויסע נשמה. דער רבי רש"ב האט געבעטן אז יעדער מאל פאר רביצין חנה וועט געבן עסן פאר איר זוהן זאל זי וואשן אירע הענט, און ר' לוי יצחק האט איר געהייסן וואשן אויך איר זוהן'ס הענט (מסתמא איז דאס אויך געווען א הוראה פון דער רבי רש"ב).

דער רבי - דער משה רבינו פון אונזער פאלק פירט אונז ווי א פאסטעכער וואס זארגט זיך אויף יעדער איינציגע איד.

*און יעצט קומט צו אונז די שאלה. וואס טוען מיר פארן רבי'ן?*

איר, אלם שלוחים, האט א ספעציעלע זכות פון טאן דער רבי'ס ארבעט אין א פראקטישע וועג דורך שטארקן זיך אין אלע מבצעים און דוקא יעצט אין מבצע פסח. קינדער, דורך אייערע מתנות צום רבי'ן, וועלן מיר זוכה זיין צו פייערן א גרויסע י"א ניסן פארברענגען מיטן רבי'ן אין ירושלים!




## שבת הגדול

די שבת פאר פסח ווערט אנגערופען שבת הגדול, דער גרויסער שבת. עס זיינען פאראן אסאך סיבות פארוואס די שבת ווערט אזוי אנגערופען.

איינע פון די סיבות איז : שבת הגדול, האבן די אידן אין מצריים באקומען די מצוה פון קרבן פסח. דער אויבערשטער האט אנגעזאגט די אידן נעמן א שעפסל און פארבינדן דאס צו זייער בעט.

ווען די בכורים פון מצריים האבן דאס געזען, האבן זיי געפרעגט די אידן וואס זיי פלאנען טאן מיט די שאף. די אידן האבן געענטפערט, "דער אויבערשטער האט אונז געהייסן ברענגן די שאף אלץ א קרבן!" די גויים וואס האבן געדינט דער שאף זיינען געווען זייער אויפגערעקט, אבער זיי האבן גאר ניט געקענט טאן צו די אידן. ווען די בכורים האבן פארשטאנען אז די אידן וועלן טאקע ארויסגייין פון מצרים און מכת בכורות וועט טאקע געשען, זיינען די בכורים געגאנגען צו זייער טאטע'ס און צו פרעה צו בעטן פון זיי ארויסשיקן די אידן. ווען זיי האבן ניט געוואלט, האבן די בכורים גע'הרג'ט אסאך מצריים. דאס איז וואס עס שטייט, "למכה מצריים בבכוריהם" דער ואוס האט גע'הרג'ט די מצריים דורך זייערע אייגענע עלטסטע.

שבת הגדול נאך מנחה זאגן מיר א חלק פון די הגדה, פון "עבדים היינו" ביז "לכפר על כל עונותינו": ווייל די טאג איז געווען א טאג פון נסים, און די אנהויב פון גאולה.




"פון די טאג וואס איך בין געגאנגען אין חדר, און נאך איידער איך בין געגאנגען אין חדר, האב איך זיך פארגעשטעלט ווי עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען..."

*די זיינען די ווערטער וואס דער רבי נשיא דורנו האט געשריבן.*

קינדער, עס שטייט אין "שבט מוסר" אז א מענטש מוז זיך האלטן שטארק אין זיין אמונה אין ביאת משיח - ווייל דאס איז דאך איינע פון די דרייצן עיקרי אמונה. עס פאסט פאר א מענטש צו טראכטן אלעמאל אויף משיח ווי ער וואלט געטראכט אויף עפעס וואס ער וויל זייער האבן אין א גשמיותדיקן זין.

דורך אלע יארן פון די נשיאות פון רבי'ן - וואס וועט זיך ציען עד ביאת גואל, ועד בכלל - זעען מיר ווי די רבי האט דאס געלעבט. מיר דארפן לערנען, פון רבי'ן און זיך אויך אזוי פירן - שטענדיק ווארטן אויף די טאג פון גאולה!

# דערציילט מיר א מעשה

*לכבוד יא ניסן ברענגען מיר צוויי דערציילונגען וואס באווייזן די ליבשאפט פון רבי'ן צו אלע אידן.*

די ערשטע מעשה איז געשען 50 יאר צוריק, ארום צען יאר נאך דער רבי האט אנגענומען די נשיאות.

רביצין בתי' גארעליק, שלוחה פון רבי'ן אין מילאן איטאלי', איז געווען אין יחידות ביים רבי'ן. אין מיטן די יחידות, האט זי דערמאנט די נאמען פון א איד, ר' אברהם ציפל, וואס ער האט זייער געהאלפן אין זייער שליחות.

"ער איז זייער א גלייכע מענטש!" האט דער רבי געזאגט, און דער יחידות האט זיך ווייטער געציען.

ווען מרת גארעליק איז אהיים געפארן, האט זי איבערגעזאגט די פרטים פון די יחידות צו איר מאן הרב גרשון מענדל גארעליק. הרב גרשון מענדל האט זיך זייער געוואונדערט אויף די ווערטער פונעם רבי'ן וועגן ר' אברהם ציפל. ער האט באשלאסן אז ער וועט פרעגן ביי ר' אברהם אויב עפעס איז געשען לעצטנס וואס קען ערקלערן די ווערטער פון רבי'ן.

ער איז געפארן צו ר' אברהם און האט ביי אים געפרעגט וואס מאכט זיין ביזנעס, און וואס מאכט ער אין געזונט.

ר' אברהם האט ניט פארשטאנען פארוואס ער פרעגט אים אזוי פיל שאלות, און האט אים געבעטן ערקלערן.

ר' גארעליק האט אים דערציילט וואס דער רבי האט געזאגט ביים יחידות מיט זיין פרוי.

"ווען איז די יחידות געווען?" האט ער געפרעגט.

ווען הרב גארעליק האט אים דערציילט די צייט פון די יחידות, האט ר' אברהם אים דערציילט וואס האט מיט אים פאסירט אין אט די צייט.

ר' אברהם האט געהאנדלט אין פארקויפן פעלץ. אסאך פון זיין ביזנעס איז געווען אין רוסלאנד, וואס איז נאך געווען אונטער די קאמוניסטן. דערווייליע וואס ער איז געווען אין רוסלאנג, האט ער גענוצט די צייט צו געבן סידורים, תפילין און אנדערע תשמישי קדושה צו אידן, און ארויסברענגען אלטע ספרים פארן רבי'ן.

בכלל איז ניט געווען קיינע פראבלעמען מיט זיין הייליקע ארבעט, אבער די לעצטע מאל האבן די רוסישע רעגירונג אים ארעסטירט אן קיין סיבה. א פאר שעה שפעטער האבן זיי אים געלאזט גיין פריי: זיי האבן אים גאר ניט ערקלערט פארוואס.

*מען האט אים געלאזט גיין פריי אין די זעלבע צייט פון די יחידות פון רביצין גארעליק, וואו דער רבי האט אויף אים מעיד געווען, "ער איז א גלייכע מענטש!"*

דער צווייטער מעשה איז געווען ארום 40 יאר צוריק. אין יענע צייט, פלעגט דער רבי שיקן חסידים צו רוסלאנד. אין געוויסע שטעט האבן זיי זיך געטראפן מיט חסידים, אבער אין אנדערע שטעט איז עס געווען צו גרויס א געפאר. אין די פלעגער האבן די חסידים נאר אריבער געגאנגען די שטעט און ארייננגעגאנגען אין די שולס.

יארן שפעטער, נאך ער איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד, האט איין ליובאוויטשער איד ערקלערט ווי וויכטיק די באזוכן זיינען געווען.

"אין אונזער שטאט האבן מיר ניט געקענט רעדן מיט די שלוחים, אבער עס האט נאך אלס געמאכט א גרויסע השפעה אויף אונז.

די רוסישע רעגירונג האט אנגעהויבן א גאנצע מבצע אוועקצונעמען אונזער האפענונג. זיי פלעגן אריין רופן חסידים, און באווייזן זיי ווי עס שטייט אין פאפירן, אז אידישקייט אין אמעריקא איז "געשטארבן".

'אין אירופא האבן אסאך אידן גע'הרג'ט געווארן, און אין אמעריקא האבן זיי אלע אפגעלאזט אידישקייט (ר"ל) . פארוואס עקשנ'ט איר זיך אויף אייער אידישקייט?'

זייער ווערטער האבן געמאכט א שטארקע איינדרוק אויף אונז.

ביז די שלוחים פון רבי'ן זיינען געקומען אין אוינזער שטאט.

אפילו מיר האבן מיט זיי ניט גערעדט קיין ווארט, האבן מיר געזען יונגע אמעריקאנישע אידן מיט יארמולקא, און ציצית. דאס האט אונז באוויזן אז אידישקייט אין אמעריקא איז נאך זייער שטארק. דאס האט אויך געשטארקט אונזער אמונה אז מיר וועלן ארויסגיין פון רוסלאנד, און מיר וועלן אויך אמאל זיין פריי צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות."

*דער רבי זארגט זיך אויף יעדער איד וואו נאר ער געפינט זיך.*

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת צו

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

די בחורים זיינען געפארן אויף מבצעים לכבוד יא ניסן. העלף זיי געפינען די וועג צוריק צו 770 פאר זייער פארברענגן.






## הצלחה רבה

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________

______________________

אימייל: ______________________

**די געווינער פון פרשת ויקרא: <u>מנחם מענדל חזקלביץ, 6</u>**